Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 178 | Łódź, Niedziela, 2 sierpnia 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג י"ט מנחם אב תרצ"א | № 178

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# 50 מיליאן פונט שטערלינג

## בעקומט ענגלאנד פון דער פראנצויזישער באנק

פאריז, 1. (ספ. טעל.) די אפגעשטעלטע אונטערהאנדלונגען צווישען דער ענגלישער באנק און דער פראנצויזישער באנק זענען נעכטען אין אוונט בענייט געווארען, צו דעם צוועק איז געקומען קיין פאריז דער וויצע־דירעקטאר פון דער ענגלישער באנק ראבערט קינדערסליי און האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן דירעקטאר פון דער פראנצויזישער באנק מארע, די פארשטעהער פון ביידע אינסטיטוציעס זענען געקומען צו א הסכם וועגען די פרינציפען אויף וועלכע די פראנצויזישע באנק וועט קומען צו הילף דער ענגלישער באנק.

די פערשטענדיגונג וועט אריין אין קראפט, ערשט נאך א בעראטונג פון די גרעסטע פראנצויזישע בענק, וועלכע קומט היינט פאר, ס'איז אבער גאר א פארמאליטעט און ס'איז נישט פערהאן קיין שום ספק, אז דער אפמאך וועט היינט פארמיטאג אונטערגעשריבען ווערען.

די קרעדיטען פאר ענגלאנד דערגרייכען די סומע פון פופציג מיליאן פונט שטערלינג, א העלפט פון דער סומע וועט געבען די פראנצויזישע באנק און די צווייטע העלפט די אמעריקאנישע פעדעראל רעזערוו־באנק.

---

## קאמוניסטישער אנטי־מלחמה־טאג

### איז אין דער גאנצער וועלט אדורך רוהיג —

#### אין ווארשא איז א יוד. ארבייטער דערהרגעט געווארן און איינער פערוואונדעט

ווארשא, 1. (טעלעפאניש). לויט ידיעות פון אינערן־מיניסטעריום איז דער קאמוניסטישער אנטי־מלחמה־טאג אריבער אין גאנצען לאנד רוהיג.

אין ווארשא האבען זיך געפרובט צונויפזאמלען קאמוניסטישע גרופען, וועלכע זענען פונאנדער געטריבען געווארען דורך דער פאליציי.

צו קלייגע ארויסטרעטונגען איז געקומען אין סאסנאוויעץ און סטאניסלאוואו.

אויך פון דער גאנצער וועלט מעלדעט מען, אז דער אנטי־מלחמה טאג איז אריבער רוהיג. אין דייטשלאנד זענען פארגעקומען קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס.

אין סערעס (גריכענלאנד) איז געקומען צו א שווערען צוזאמענשטויס צווישען קאמוניסטען און פאליציי, איין פאליציי־אפיציר און א פאליציאנט זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

ווארשא, 1. (טעלעפאניש) אויף עק לעשנא און ארלא איז נאכמיטאג פארגעקומען א קאמוניסטישע דעמאנסטראציע ס'איז געקומען צו א עסעריי, בעת וועלכער דער 29־יעהריגער יוסף קארשאסוקי איז דערהרגעט געווארען און דער 25־יעהריגער נחום טשארנאגורא איז פערוואונדעט געווארען.

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז דעם 31 יולי געשטארבען מיין הייסגעליבטע
פרוי, אונזער טייערע מוטער, טאכטער און שוועסטער

נ"ע **חנה מחלה ראטבארד**

אשת ר' יהודה ליבוש נ"י,
בת ר' נחמיה הכהן נ"י לעווין

אין בליהענדער עלטער פון 37 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, י"ט מנחם אב תרצ"א, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער־הויז פיעטריקאווער 123, וועגען וואס עס טיילעז מיט אין גרויס צער

**די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.**

---

דעם 1־טען אויגוסט ד. י. איז פלוצים געשטארבען אין בליהענדען עלטער פון 37 יאהר

**נ. ע. יחיאל יעקב** ב"ר ישראל מאיר נ"י **סטריקאווסקי**

אינהאבער פון דער פירמע „VISLANA"

גרינדער פון לאדזער יודישען ספארט־פעראיין „בר־כוכבא", פערוו. מיטגליד פון „הזמיר".

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 2־טען אויגוסט ד. י., 3 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער־הויז, פיעטריקאווער 120, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די אין טיפען טרויער פערבליבענע:

**פרוי, טעכטערל, עלטערן, ברידער און פאמיליע.**

5171

---

הער־ענאוו | לאדזער יודישער הילפס־פעראיין און 1־טע יודישע קינדער־היים **בית־לחם** וושבאדניא 68/70 | הער־ענאוו

היינט זונטאג, ד. 2 אויגוסט 2 א זייגער נאכמ. וועט פארקומען
**א גרויסע גארטען־פערוויילונג**
לטובת דעם יוד. הילפס־פעראיין „בית־לחם" און 1. יוד. קינדער־היים אין לאדז

פערבונדען מיט פערש. אטראקציעס, ווי צ.ב.ש. פאנטאזיע לאטעריע, טויזענדער ווערטפולע געווינסטע. יעדער איינער לאס געווינט.
2 ארקעסטערס / גליקס־ראד / עלעקטרישע אילומינאציע / בלומען־שלאכט / פייערווערק / ניאגארא וואסער־פאל.
אייגענער כשר'ער בופעט. אויפטריטען פון ערשטקלאסיגע ארטיסטישע קרעפטען. איינגאנג פאר ערוואקסענע 1 זל., פאר שילער און קינדער — 50 גר.
אין פאל פון א שלעכט וועטער, קומט די פערוויילונג פאר דעם 9־טען אויגוסט.
אונטערשטיצט די ערשטע יודישע קינדער־היים ביים „בית־לחם"! אונטערשטיצט די שבת־סוך ביים „בית־לחם"!

